בס"ד
עקב תשפ"ג
גליון 152

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זיין וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא – סוֹף פוּנֶעם גָלוּת

די פַּרְשָׁה פוּן דֶער וָואךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן "וְהָיָה "עֵקֶב" תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה," פַּארְוָואס נוּצְט די תּוֹרָה דֶער לָשׁוֹן עֵקֶב, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין וְהָיָה אִם תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה?

דָאס וָוארְט 'עֵקֶב' אִיז פוּן לָשׁוֹן 'סוֹף', אַזוֹי ווי בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער קָאפּ דֶער אָנְהוֹיבּ אוּן דֶער עָקֶב פוּן די פִּיס אִיז דֶער סוֹף. נָאךְ אַ טַייטְשׁ הָאט עָקֶב "צֶעטְרֶעטְן", וֶוען אֵיינֶער פַּארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, זָאגְט מֶען: "עֶר הָאט יֶענֶעם צֶעטְרֶעטְן!"

יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן די הַיינְטִיגֶע צַייטְן "עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא – סוֹף פוּנֶעם גָלוּת" דֶער אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם אוֹר פוּן מָשִׁיחַ, וֶוען די שׂוֹנְאִים שְׁטַארְקְן זִיךְ זֵייעֶר מִיט זֵייעֶרע פִּיס אוּן ווילְן חַס וְשָׁלוֹם צֶעטְרֶעטְן די עֶרְלִיכֶע אִידְן. וָואס אִיז די עֵצָה צוּ דֶעם? זָאגְט די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה" מִשְׁפָּט קוּמְט אוּנְז זָאגְן אַז ס'אִיז נִישְׁט 'סְתַּם אַזוֹי' גֶעשֶׁען, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין צוּפָאל אַז די רְשָׁעִים ווילְן שְׁטֶערְן אוּן צֶעטְרֶעטְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פוּן בֵּית דִין מַעְלָה, כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶערְהֶערְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּטִים, אַלֶע דִינִים, מְנִיעוֹת אוּן יִסּוּרִים אִיז נָאר פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען זְכוּת אָבוֹת, אוּנְז צוּ הִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן אוּן דִינִים.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו" דָאס וַוייזְט אַז אִין די יֶעצְטִיגֶע צַייטְן פוּן עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא ווִיל עֵשָׂו צֶעטְרֶעטְן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיז די עֵצָה "וְיָדוֹ אֹחֶזֶת" "יָד" אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תְּפִלָּה, אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער תַּרְגוּם "פְּרִישָׁן בִּצְלוֹ" עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַז אוֹיף יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער בַּעַל דָבָר דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן, בִּפְרָט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיסְרוּפְן: "אַז וֶוער עֶס אִיז מְקוֹרָב צוּ אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה."

המשך קומענדיגע זייט



המשך פון זייט 1

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה״, אָבֶער לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: ״גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה״, לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין תְּפִלָּה, סַיי דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט כַּוָונָה, מִיט אַ חֵשֶׁק מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַרַייְנְכַאפְּן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים אָדֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן דִי הַבְטָחָה פוּן סוֹף פַּרְשָׁה ״לֹא יִתְיַצֵּב אִישׁ בִּפְנֵיכֶם, פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ה׳ אֱלֹקֵיכֶם עַל פְּנֵי כָּל הָאָרֶץ״ אָמֵן וְאָמֵן.

# איין אמשה'לע

*דער באשעפער באווייזט וואונדער פאר זיינע ליבע קינדער*



## דוּ קוּמְסְט?!

*הָאבְּן מִיר מַיינֶע חֲבֵרִים גֶעפְרֶעגְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן!....*

אִיךְ הֵייס שִׁמְשׁוֹן, אִיךְ לֵיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְט יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה, אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוֹיבּ מֶען קֶען צוּלֵייגְן נָאךְ גִלְיוֹנוֹת וַוייל אִין מַיין שׁוּל... וואוּ אִיךְ דַאוֶוען בְּלַייבְּט נִישְׁט אִיבֶּער אוּן אִיךְ דַארְף אַרוּמְגֵיין עֶס זוּכְן אִין אַנְדֶערֶע שׁוּלְן.

מֵיין מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי: אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קְרֶענְק, גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פַארְקִילֶעכְטְס, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט, אַזוֹי בִּין אִיךְ אָפְּגֶעלִיגְן אִין בֶּעט אַ גוּטֶע דְרַיי טֶעג.

דִי יִסוּרִים וָואלְט אִיךְ נָאךְ גֶעקֶענְט אִיבֶּערְטְרָאגְן אָבֶער וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט אִיז אַז פּוּנְקְט יֶענֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר קִינְדֶער זִיךְ גֶערִישְׁט אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע נְסִיעָה פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר, וָואס קוּמְט פָאר נָאר אֵיינְמָאל אַ יָאר, אַן אוֹיסְפְלוּג וִוי מֶען פָארְט צוּ זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פְּלֶעצֶער, מֶען שְׁפְּרִינְגְט אַרַיין אִין אַסַאךְ סָארְטְן גְרוֹיסֶע וַואסֶער שְׁפִּילֶערַייעֶן, מֶען בְּרֶענְגְט מִיט פְּרִישְׁטָאג מִיט מִיטָאג כְּיַד הַמֶּלֶךְ, אַזַא גֶעשְׁמַאקְן נְסִיעָה הָאבּ הָאבְּן אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט

פַּארְפַּאסְן.

אָבֶער אֲפִילוּ אַז אִין חָלוֹם הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעזֶען זִיצְן אוֹיפְן בָּאס, הָאט מֵיין גוּף בִּכְלַל נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ מַיינֶע דִּמְיוֹנוֹת... אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּארְן אִין אַזַא מַצָּב בְּשׁוּם אוֹפָן. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה, אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן מִיר גֶעקְלִינְגֶען אוּן אָנְגֶעוַרייצְט אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן. עֶס אִיז שׁוֹין אֵיין טָאג פַּאר דִי גְרוֹיסְאַרְטִיגֶע נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מָארְגְן זָאל אִיךְ קֶענֶען פָּארְן מִיט דִי נְסִיעָה.

אִיךְ לִיג אִין בֶּעט אוּן טְרַאכְט וָואס גֵייט זַיין? נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע, הַמַּפִּיל, שְׁלָאף אִיךְ אֵיין אִין אַ זִיסֶע שְׁלָאף. אִינְדֶערְפְרִי אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אוּן גִּיס זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער וָואס לִיגְט נָאנְט צוּ מֵיין בֶּעט, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אוּן יָא! אִיךְ זֶע אַז אִיךְ פִּיל זִיךְ שׁוֹין גוּט, זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן בֶּעט, אוּן אִיךְ פַּאק זִיךְ אַיין מַיינֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן אַ סִדוּר אוּן אַ סֵפֶרְ'ל אוּן אִיךְ בִּין מִיטְגֶעפָּארְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט, אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט דוּרְכְאוֹיס דִי נְסִיעָה.



אַזוֹי וִוי אִיךְ קוּם אַהֵיים בִּין אִיךְ גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעפַאלְן בֶּעט פַּאר נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג... צוּרִיק מִיט דִי פַּארְקִילֶעכְטְס.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאבְּן גֶעהָאלְפְן, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט צוּ דֶער נְסִיעָה מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים אִיךְ זָאל קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן, לְמַעֲשֶׂה אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען פַּאר מִיר בַּאשֶׁערְט וִויפִיל טֶעג אִיךְ זָאל זַיין קְרַאנְק אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס צוּטֵיילְט אוּן צְוֵויי אַז אִין דֶעם טָאג פוּן דֶער אוֹיסְפְלוּג זָאל אִיךְ זַיין וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער אִינְגְל אוּן זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְטַאנְצְן מִיט אַלֶעמֶען אִינְאֵיינֶעם.

טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר, מֶען בַּאקוּמְט פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וֶוען מֶען זֶעט אַז תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶעקוּמֶען, בִּפְרָט תְּפִלּוֹת פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

**הֶעָרָה פוּן דִי מַעֲרֶכֶת: מִיר דְרוּקְן גֶענוּג, מִיר בֶּעטְן זֵייעֶר פוּן אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן נֶעמֶען נָאר אֵיין גִּלְיוֹן פַּאר אַ מִשְׁפָּחָה אוּן נִישְׁט יֶעדֶער אִינְגְל בַּאזוּנְדֶער זָאל אַהֵיימְנֶעמֶען פַּאר זִיךְ אַ גִּלְיוֹן.**

**מִיט פַּארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ, דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט.**

# טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן גְּרֵייט

# סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנוֹת



# וֶוער וֶועט בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנוֹת?

# וָואס פַּארְלַאנְגְט זִיךְ ?

אויף קנעפל 3<2 קען מען זיך איינשרייבן, פאר מער פרטים אין קנעפל 3

646-585-3040    02-5-3333-72

מען קען רופן דעם טעלעפאן-ליין נאר מיט רשות פון די עלטערן

אָמַר (מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל) אֲמִירַת סִפְרֵי אַדְמוֹ"ר זַ"ל שֶׁהֵם הַלִּקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וְסֵפֶר הַמִּדּוֹת וְהַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת שֶׁלּוֹ הָאֲמִירָה לְבַד מְסֻגֶּלֶת לְהַנְּשָׁמָה כְּמוֹ אֲמִירַת סִפְרֵי הַזֹּהַר וְהַתִּקּוּנִים:

עוֹד אָמַר שֶׁגַּם בִּימֵי אֱלוּל הַקְּדוֹשִׁים מִצְוָה לְאָמְרָם מִתְּחִלָּתָם וְעַד סוֹפָם וּמוֹעִיל מְאֹד מְאֹד:
(שיחות הר"ן אות ש"ח)

# דאקטאר שמחה



וֶועט רֶבִּי אֶפְרָיִמְ'ל קאַרקאָרווסקי זַצַ"ל, דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר "עֹנֶג שַׁבָּת" אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען פוּן פּוֹילְן הָאט עֶר זִיךְ צוּם עֶרְשְׁט בַּאזֶעצְט אִין שְׁטָאט תֵּל-אָבִיב. פוּן זַיין אָנְקוּם קַיין תֵּל אָבִיב אִיז עֶר בְּלִיץ שְׁנֶעל בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אַלְס אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער אִיד, אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיגֶע לִיבְּלִיכֶע שְׁמֵייכְל הָאט בַּאנוּמֶען אַלֶע זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

ר' אֶפְרָיִמְ'ל אִיז גֶעוֶוען אַ נִידְרִיג-גֶעוָואקְסֶענֶער אוּן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער אִיד, אָבֶּער זַיין רוּחָנִיוּת'דִיגֶער הֵיךְ הָאט דֶערְגְרַייכְט דִי הוֹיכֶע סְפֶערְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַלְס אַ גָאוֹן עָצוּם, אַן אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיכֶער עָנָיו, אוּן אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער חָסִיד. אוֹיסֶער דֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יַחְסָן, צִיעֶנְדִיג זַיין יִחוּס צוּם הֵיילִיגְן פֶּרְשִׁיסְחֶא'ן הוֹיף, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי דָּוִד מְלֶעלוֹב זַצַ"ל.

זַיין שְׁטֶענְדִיגֶע שְׁמֵייכְל הָאט זִיךְ קַיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֶערִירְט פוּן זַיין פָּנִים, אוּן זַיין גֶעזוּכְט אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בַּאלוֹיכְטְן מִיט אַ גֶעטְלִיכֶע שַׁיין.

עֶס וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט דַאכְטְן פַאר דִי צוּקוּקֶער אַז ר' אֶפְרָיִמְ'לְס שִׂמְחָה שְׁטַאמְט פוּנֶעם פַאקְט אַז עֶר לֶעבְּט בְּלוֹיז הָאנִיג זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס פָארְט בַּיי אִים גֶעשְׁמִירְט... אָבֶּער אִין פַאקְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שְׁטֶענְדִיגֶע יִסוּרִים, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן וֶוען זַיין קְרֶענְק הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף אִים אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם. טְרָאצְדֶעם, הָאבְּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע יִסוּרִים נִישְׁט בַּאוִויזְן בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם שְׁטַארְקְן כַּארַאקְטֶער פוּן רֶבִּי אֶפְרָיִמְ'ל וֶועלְכֶע הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט קַיינְמָאל פוּן זַיין לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע צוּרָה.

נָאכְן וואוֹינֶען אִין תֵּל-אָבִיב פַאר אַ וַוייֶלע הָאט זִיךְ ר' אֶפְרָיִמְ'ל אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט צוּ וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִיר. וואוֹינֶענְדִיג אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז עֶר גָאר שְׁטַארְק בַּאפְרַיינְדֶעט גֶעוָוארְן מִיטְן בַּארִימְטְן חָסִיד רֶבִּי דָּוִד שֶׁעכְטֶער זַצַ"ל (טַאטֶע פוּן הרה"ח ר' יַעֲקֹב מֵאִיר שֶׁעכְטֶער שְׁלִיטָ"א), אוּן דֶער קֶשֶׁר צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי הָאט זִיךְ נָאָר פַארְשְׁטֶערְקֶערְט מִיט יֶעדְן פַארְבַּייגֵייעֶנְדְן טָאג, וֶוען פוּן צַייט צוּ צַייט פְלֶעגְט ר' דָּוִד אַרִיבֶּערְקוּמֶען צוּ ר' אֶפְרָיִמְ'לְס שְׁטוּבּ.

אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג וֶוען ר' דָּוִד אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּ ר' אֶפְרָיִמְ'לְס שְׁטוּבּ, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעהֶערְט פוּן דִי שְׁפַּאלְטֶענֶעס פוּנֶעם פַארְזְשַׁאוֶוערְטֶען

טִיר שְׁווֶערֶע הִיסֶטעֶרַייעֶן. ר׳ דָּוִד הָאט זִיךְ שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן פַאר דֶער גֶעזוּנְט צוּשְׁטַאנְד פוּן זַיין נָאנְטֶער יְדִיד, אוּן הָאט פְלִינְקֶערְהֵייט גֶעעֶפְנְט דֶעם טִיר. אַרַיינְקוּמֶענְדִיג הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט ר׳ אֶפְרָיִמְ׳ל זִיצְנְדִיג אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אִיבֶּער אַ הֵייסֶע גְלָאז טֵיי, פוּן וֶועלְכֶע עֶר שְׁלִינְגְט צְווִישְׁן אֵיין רוּנְדֶע הִיסֶטעֶרַייעֶן בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן.

ר׳ דָּוִד הָאט גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט אַז ר׳ אֶפְרָיִמְ׳ל קוּקְט אוֹיס נִישְׁט אִין בֶּעסְטְן צוּשְׁטַאנְד, אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל זָאפָארְט קוּמֶען מִיט אִים בַּאזוּכְן אַ דָאקְטֶער צוּ דִיאַגְנָאזִירְן זַיין מַצָּב אוּן פַארְשְׁרַייבְּן דִי נוֹיטִיגֶע רֶעצֶעפְּטְן וֶועלְכֶע וֶועלְן אִים רַאטֶעוֶוען פוּן טוֹיט.

ר׳ אֶפְרָיִמְ׳ל הָאט וִוי שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ שְׁמֵייכְל אִיבֶּער זַיין גֶעזוּכְט, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וֵוייסְטוּ דֶען נִישְׁט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן קַיין דָאקְטוֹירִים? אִיךְ דַארְף נִישְׁט זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת אוּן אוּמְבַּאגְלֵייבְּטֶע הֵיילוּנְגְס מִיטְלֶען".

"אִיךְ בֶּעט דִיר", הָאט זִיךְ ר׳ דָּוִד אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי אִים, "דַארְפְסְט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֶעצֶעפְּטְן, קוּם כָאטְשׁ



צוּם דָאקְטֶער אַז עֶר זָאל גֶעבְּן זַיין מֵיינוּנְג אוּן אָפְּשַׁאצוּנג".

דָאס הָאט שׁוֹין ר׳ אֶפְרָיִמְ׳ל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּזָאגְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְבֶּעטְן בַּיי ר׳ דָּוִד.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם קְלִינִיק הָאט ר׳ דָּוִד גְלַייךְ אָנְגֶעזָאגְט פַארְן דָאקְטֶער אַז דֶער פַּאצִיעֶנְט אִיז בְּעֶצֶם נִישְׁט ווִילִיג צוּ נֶעמֶען קַיין שׁוּם מֶעדִיצִינֶען, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בְּלוֹיז אוֹיף צוּ הֶערְן אַן אַנַאלִיז פוּנֶעם פְּרָאפֶעסָאר.

דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט צְוֵויי פַארְוואוּנְדֶערְטֶע אוֹיגְן, ווִי אֵיינֶער וָואס פְרֶעגְט, 'וָואס אִיז דֶער צִיל פוּנֶעם ווִיזִיט?', אָבֶּער זֶעעֶנְדִיג אַז דִי צְוֵויי זֶענֶען פַארְ'עַקְשָׁנְ'ט מִיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג, אִיז עֶר אַיינְגֶעגַאנְגֶען בְּלוֹיז אַדוּרְכְצוּפִירְן אַ גְרִינְטְלִיכֶע אִיבֶּערְזִיכְט.

וֶוען דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעכַאפְּט אַ בְּלִיק אִינֶעם הַאלְז, אוּן הָאט גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע הִיסֶטעֶרַייעֶן, הָאבְּן זִיךְ עֶמֶערְס פוּן שְׁוַויס אָנְגֶעהוֹיבְּן גִיסְן פוּן זַיין שְׁטֶערְן, אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ הֶעכְסְט-בַּאזָארְגְנְדֶע שְׁטִימֶע צוּ ר׳ אֶפְרָיִמְ׳ל - "לוֹיט מֵיין מֵיינוּנְג זֶע אִיךְ נִישְׁט פָאר מֶער ווִי זִיבְּן

וָואכְן פוּן לֶעבְּן...!".

אַ שָׁאק אִיז אַרִיבֶּער אִין דִי בֵּיינֶער פוּן ר' דָוִד, אוּן אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט הָאט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער גֶעיָאגְט צוּ פַארְשְׁרַייבְּן אַ רֶעצֶעפְּט טְרָאץ דִי וָוארֶענוּנְג פוּן פַארְדֶעם אַז ר' אֶפְרַיִם וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין שוּם מֶעדֶעצִינֶען.

מִיט שְׁוֶוערֶע טְרִיט אִיז ר' דָוִד נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי דַאֲגָה'לָאזֶע שְׁפַּאן פוּן ר' אֶפְרַיִם, וֶוען עֶר אִיז פַארְנוּמֶען קוּקְנְדִיג פוּן דִי מֶעדֶעצִינֶען צוּ ר' אֶפְרַיִם, וִוי אֵיינֶער וֶועלְכֶער מָאנְט אוּן פְרֶעגְט... נוּ, וֶועט אִיר טַאקֶע זִיךְ לָאזְן אַרַיינְפִירְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן נִישְׁט נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען?

ר' אֶפְרָיִמְ'ל הָאט גוּט בַּאמֶערְקְט דִי עֶרְנְסְטֶע מִינֶע אוֹיף ר' דָוִד'ס פָּנִים, אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים מִיט אַ פֶּעסְטֶע שְׁטִימֶע: "עֶס וֶועט זַיין גוּט. אִיךְ הֶער נִישְׁט צִי צוּ קַיין שוּם דָאקְטוֹירִים אוּן דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער דָאקְטֶער וֶועלְכֶע הָאט גֶעטְרוֹי בַּיי מִיר אִיז... דָאקְטֶער שִׂמְחָה! "שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֵיילוּנְג פַאר אַלֶע קְרֶענְק" - זָאגְט דָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי!" (ראה ליקוטי מוהר"ן ח"ב כ"ד).

■ ■ ■

זִיבְּן גַאנְצֶע יָארְן הָאט ר' אֶפְרָיִמְ'ל זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּגֵיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶש, טְרָאץ דִי שְׁוַוארְצֶע נְבִיאוֹתֶ'ער פוּן דִי דָאקְטוֹירִים. דִי גֶעשִׁיכְטֶע אִיז בְּרֵייט בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶעמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִין דִי אַרוּמִיגֶע גֶעגְנְטֶער, וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט אָנְצוּטֵייטְלְן מִיטְן פִינְגֶער אוֹיפְן אִיד וֶועלְכֶער הָאט בַּאוִויזְן בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם טוֹיט מִיטְן אֵיינְצִיגְן רֶעצֶעפְּט פוּן דר. שִׂמְחָה... שִׂמְחָה!

## תפלה לראש השנה



עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיין נָאמֶען וֶועגְן, שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶתֶ'ע צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי מִיט אַן אֱמֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין בִּשְׁלֵמוּת צוּ רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן מַחֲשָׁבוֹת.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אוּן מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גוּטֶע חֲסָדִים. זַיי אוּנְז מְזַכֶּה דִיר צוּ אַנֶערְקֶענֶען אוּן צוּ ווִיסְן דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקַייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד ווִי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל ווִיסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: "דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרַייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען."

זַיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָׁה פוּן יֶעצְט בִּיז אוֹיף אַלֶעמָאל אָמֵן. סֶלָה.

# דָאס יָאר וֶועלְן אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער
# שֶׁענְקֶען אַ מַתָּנָה פַאְרן רֶבִּי'ן!




# יָא!

## קֶענְסְט זִיךְ נָאךְ מִיטְכַאפְּן מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן שׁוֹין
## אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען לְפָחוֹת אֵיין סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן
## בִּיז חַ"י תִּשְׁרֵי - דֶעם רֶבִּי'נְס יָארְצַייט, .

*דער געווינער פון די וואך איז:*

***הילד החשוב, נחמן דוב כ"ץ פון קרית יואל,***

*געווינען א סערטיפיקאט*

*אין 'דורן ספרים', קרית יואל*

# מַעֲשֶׂה א' – פוּן אֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ (2)

אוּן אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גִיפוּנֶען דָארְט (הַיְינוּ דִי בַּת מֶלֶךְ) הָאט זִי זִיךְ פַאר אִים זֵייעֶר גִיקְלָאגְט אוּן זֵייעֶר זִיךְ מְצַעֶר גִיוֶוען. פוּן אֵיין טָאג וֶועגֶן הָאסְטוּ אָן גִיוָוארְן (כְּלוֹמֶר אִיבֶּער דֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אַיין הַאלְטְן אֵיין טָאג. אוּן הָאסְט גִיגֶעסְן דֶעם עֶפִּיל אִיבֶּער דֶעם הָאסְטוּ אָן גִיוָוארְן) וָוארְן דוּ זָאלְסְט גִיוֶוען קוּמֶען אִין דֶעם טָאג וָואלְסְטוּ מִיךְ אַרוֹיס גִינוּמֶען. לוּשְׁמִיר נִיט צוּ עֶסִין אִיז זֵייעֶר אֵיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ. בִּפְרַט דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶן טָאג. דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר מִתְגַבֵּר.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ דִיר וִוידֶער אוֹיס קְלוֹיבְּן אֵיין אוֹרְט. אוּן זָאלְסְט וִוידֶער זִיצְן דָארְט אֵיין יָאר. אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶן טָאג זָאלְסְטוּ שׁוֹין מֶעגְן עֶסִין. נָאר זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפְן. אוּן זָאלְסְט קֵיין וַויין נִיט טְרִינְקֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפֶען, וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז דֶער שְׁלָאף. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גִיטָאן.

דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶען טָאג אִיז עֶר אַהִין גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אֵיין קְוַואל גֵיין. אוּן דִי מַרְאֶה פוּן דֶעם קְוַואל אִיז גִיוֶוען רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז גִיוֶוען פוּן וַויין. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת הָאסְטוּ גִיזֶעהְן. דָאס אִיז אֵיין קְוַואל (קֶער צוּ זַיין אִין אִים וַואסֶער) אוּן דִי מַרְאֶה אִיז רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז פוּן וַויין. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶפֶּעס פַאר זוּכְט פוּן דֶעם קְוַואל. אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַנִידֶער גִיפַאלְן אוּן הָאט גִישְׁלָאפְן כַּמָה שָׁנִים זִיבֶּעצִיג יָאר.

זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַסַאךְ חֲיָילוֹת מִיט דִי אַוֹבַּאזִין וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ. אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ בַּיי הַאלְטְן פַאר דִי חֲיָילוֹת. נָאךְ דֶעם אִיז גִיגַאנְגֶען אֵיין קַארְטֶע אוּן דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דִי בַּת מֶלֶךְ. הָאט זִי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבְּן אִים. אוּן אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶעבְּן אִים. אוּן הָאט אִים דֶער קֶענְט. אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גִיוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט דֶער וֶועקִין, הָאט זִי אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגְן אוֹיף אִים. בַּאֲשֶׁר אַזוֹי פִּיל אוּן אַזוֹי פִּיל יְגִיעוֹת אוּן טִרְחוֹת. אַזוֹי פִּיל יָארְן וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ אוּן הָארֶעוֶועסְט אַזוֹי לַאנְג כְּדֵי אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען, אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן וָואס דוּ הָאסְט גִיקָאנְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען. הָאסְטוּ גָאר אָן גִיוָוארִין.

אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט. זִי הָאט גִיזָאגְט. עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין דָא. אוּן קָאן נִיט אַרוֹיס וְכוּ'. דֶער נָאךְ הָאט זִי גִינוּמֶען אֵיין פַאטְשֵׁיילֶע פוּן דֶעם קָאפּ. אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָן גִישְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערֶן אוּן הָאט אַנִידֶער גִילֵייגְט לֶעבְּן אִים אוּן אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער קַארְטֶע. אוּן אִיז אַוֶועק גִיפָארְן.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט

אוּן הָאט גִיפְרֶעגט דֶעם מְשָׁרֵת. ווי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַזוֹי אַסַאךְ חֲיִילוֹת זֶענֶען דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן אַז עֶס אִיז דָא גִיוֶוען דִי קַארִיטֶע. אוּן אַז זִי הָאט גִיוֵויינְט אִיבֶּער אִים. אוּן זִי הָאט גִישְׁרִיגְן עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. וְכוּ׳ כַּנַ״ל. דֶער וַוייל הָאט עֶר אֵיין בְּלִיק גִיטָאן הָאט עֶר דֶער זֶעהְן דִי פַּאטְשֵׁיילֶע לִיגְט לֶעבִּין אִים הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען אִיז דָאס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט. זִי הָאט עֶס אִיבֶּער גִילָאזְט אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָן גִישְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערִין הָאט עֶר (אִים) גִינוּמֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע אוּן הָאט זִי אוֹיף גִיהוֹיבְּן אַקֶעגְן דֶער זוּן. הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן דִי אוֹתִיּוֹת הָאט עֶר אִיבֶּער גִילֵיינְט וָואס דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אִיר קְלָאגְן אוּן אִיר גִישְׁרֵיי כַּנַ״ל. אוּן (דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען גִישְׁרִיבְּן) אַז הַיינְט אִיז זִי שׁוֹין נִיט אִין דֶעם שְׁלָאס (וָואס אוֹיבְּן אִיז גִישְׁטַאנֶען) נָאר עֶר זָאל זוּכִין אֵיין גְלְדִינֶעם בַּארְג מִיט אֵיין פֶּערְלִינֶעם שְׁלָאס דָארְט וֶועסְטוּ מִיךְ גִיפוּנֶען.

הָאט עֶר אִיבֶּער גִילָאזְט דֶעם מְשָׁרֵת אוּן אִיז שׁוֹין אַלֵיין גִיגַאנְגֶען דִי זוּכְן. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גִיזוּכְט כַּמָה שָׁנִים. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. אַז אִין יִשּׁוּב גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִיט קֵיין גִילְדֶענֶער בַּארְג אוּן אֵיין פֶּערְלֶענֶער שְׁלָאס. וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען גְנִיט אִין דִי קְרַאינִיקֶעס (לַאנְדקַארְט) עַל כֵּן וֶועל אִיךְ גֵיין אִין מִדְבָּרִיוֹת דָארְטְן זוּכִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זִי זוּכִין אִין מִדְבָּרִיוֹת כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר דֶער זֶעהְן זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ וָואס דִי גְרֵייס אִיז גִיוֶוען נִיט מֶענְטְשְׁלִיךְ. אוּן הָאט גִיטְרָאגְן אֵיין גְרוֹיסֶען בּוֹים. וָואס אִין יִשּׁוּב גִיפִינְט זִיךְ נִיט אַזוֹי אֵיין גְרוֹיסֶער בּוֹים אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִים גִיפְרֶעגְט: וֶוער בִּיסְטוּ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט אִיךְ בִּין אֵיין מֶענְשׁ. הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְשׁ פַּאר וְוינְדֶערְט. אוּן הָאט גִיזָאגְט אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל דָא נִיט גִיזֶעהְן קֵיין מֶענְשׁ. הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַ״ל. אוּן אַז עֶר זוּכְט אַ גִילְדֶענֶעם בַּארְג אוּן אַ פֶּערְלֶענֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט עֶס אִיז בְּוַודַאי נִיט פַּאר הַאנְדֶען אוּן הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט מֶען הָאט דִיר אֵיין גִירֶעט אֵיין נַארִישְׁקֵייט וָוארִין עֶס גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִיט הָאט עֶר זֵייעֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ וֵוינֶען (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן הָאט גִיזָאגְט) עֶס גִיפוּנְט זִיךְ בְּוַודַאי יוֹא עֶס מוּז זִיךְ עֶרְגֶעץ גִיפוּנֶען. אוּן עֶר הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען (הַיְינוּ דֶער ווילְדֶער מֶענְשׁ הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט) מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט אֵיין גִירֶעט אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) עֶס אִיז בְּוַודַאי פַּאר הַאנְדְן עֶרְגֶעץ.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## אבידת בת מלך (2)

א. נאך וואס דער שני למלכות איז געשלאפן, וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן אין דעם אונטערשטען (לעצטן) טאג?
- ❑ נישט שלאפן און נישט טרונקען וויין
- ❑ נישט שלאפן און נישט עסן
- ❑ נישט שלאפן

ב. וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?
- ❑ פארזוכט פון די קוואל וויין
- ❑ געגעסן פון די עפל
- ❑ פארזוכט פון די קוואל וואסער

ג. וויפיל צייט איז ער געשלאפן?
- ❑ א גאנצע יאר
- ❑ פופציג יאר
- ❑ זיבעציג יאר

ד. וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?
- ❑ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ❑ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ❑ וואו בין איך אין דער וועלט

ה. וויאזוי האט ער געליינט וואס ס'איז געשטאנען אין די פאטשיילע?
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן די לבנה
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן דער זון
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן א ליכט

ו. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די חיות ?
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

ז. וואס האט דער שני למלכות געטון?
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון זוכן
- ❑ ער האט געוויינט און געזאגט אז ס'איז בוודאי יא דא
- ❑ ער האט געוויינט ווייל ס'איז נישטא



**ח. "אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַנִידֶער גִיפַאלְן אוּן הָאט גִישְׁלָאפְן כַּמָּה שָׁנִים זִיבֶּעצִיג יָאר" - ווי איז מעגליך, אז א מענטש וואס לעבט - ער גייט און קומט און פארט שלאפט ער זיבעציג יאר?**

**ט. וואו קען מען זיך לערנען אין די מעשה, אז טראץ וואס א מענטש פאלט אסאך אראפ און שטייט נישט אין זיינע נסיונות איז פארט אלעמאל דא פאר אים א האפענונג?**

## דער געווינער אויף סיפורי מעשיות #1
## איז הילד החשוב יעקב יוסף אנשין, בית שמש **0771

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

*הֶמְשֵׁךְ: דֶער קֶענִיג לִיגְט אִין בֶּעט אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גְנֵיבָה.*

אִינְדֶערְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ דֶער קֶענִיג אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן סְ'הָאט זִיךְ אִים צוּגֶעדַאכְט אַז עֶר לִיגְט נָאךְ אוֹיף זַיין פְרִיעֶרְדִיגְן פְּלַאץ, אוּן דֶער גַנָב הָאט אִים פַארְצֵיילְט דִי אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה מִיט דִי צְוֵויי גַנָבִים, אוּן פְרֶעגְט דֶעם קֶענִיג: "וֶוער דַארְף בַּאקוּמֶען דָאס גְרוֹיסֶע קְלֵייד?"

מִיט צָארְן שְׁרַייט דֶער מֶלֶךְ: "וָואס פְרֶעגְסְטוּ מִיר?! זִיכֶער קוּמְט עֶס פַארְן אָרִימַאן, מִיט זַיין גוּטֶער מַזָל הָאט עֶר דָאס גֶע'גַנְבֶ'ט!".

"סְ'אִיז גוּט מֶען זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה" רוּפְט זִיךְ דֶער קֶענִיג אָן.

הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אוּן דֶער קֶענִיג הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט. הָאבְּן זֵיי אוּנְטֶערְגֶעהוֹיבְּן זַיין בֶּעט אוּן צוּרִיקְגֶעלֵייגְט אִינֶעם עֶרְשְׁטְן צִימֶער.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז דִי קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען בַּארוֹיבְּט גֶעוָוארְן, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז דֶער וָואס אִיז גֶעלֶעגְן נֶעבְּן אִים הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוֶועם בַּאלַאנְגְט דָאס גְרוֹיסֶע קְלֵייד.

זָאגְט דֶער קֶענִיג, זִיכֶער וֵוייסְט עֶר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, הָאט מֶען אִים דֶערְלַאנְגְט גוּטֶע קְלֶעפּ, אָבֶּער עֶר טַעֲנֶה'ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן גֶעשְׁמוּסֶענֶע קְלֶעפּ אוּן גֶעפַּיינִיגְט, אָבֶּער עֶר שְׁרַייט אוּן הַאלְט זִיךְ בַּיי זַיינְס אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשִׁיקְט צוּם הוֹיפְּט פוּן דִי גַלָחִים וָואס רוּפְט זִיךְ אַרְחִירִיגָא אָנְפְרֶעגְן וֶועגְן דֶעם אָנְשִׁיקֶענִישׁ וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָאס נִישְׁט גֶע'גַנְבֶ'ט?

דֶער גַלָח הָאט גֶעזָאגְט: "יָא, סְ'אִיז מֶעגְלִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט, אָבֶּער דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ בַּאנַארִישְׁט אַז עֶר הָאט גֶעפַּסְקְ'נְט אַז דָאס גְרוֹיסֶע קְלֵייד בַּאלַאנְגְט פַארְן אָרִימַאן!".

הָאט דָאס דֶעם קֶענִיג זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן אַז דֶער גַלָח הַאלְט אִים פַאר אַ שׁוֹטֶה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁטְרָאפְן דֶעם גַלָח אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט. בִּיזְדֶערְוַוייל הָאט מֶען אַרוּמְגֶעזוּכְט דִי גְנֵיבָה אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן.

דֶער קֶענִיג הָאט בַּאפוֹילְן מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז דֶער וָואס הָאט עֶס גֶע'גַנְבֶ'ט זָאל קוּמֶען פַארְצֵיילְן וַוייל מֶען וֶועט אִים גָארְנִישְׁט שְׁטְרָאפְן דֶערוֹיף, וַוייל דֶער קֶענִיג אִיז זֵייעֶר נַייגֶערִיג וְוִיאַזוֹי סְ'אִיז בִּכְלַל מֶעגְלִיךְ צוּ גַנְבְ'נֶען אַזֶעלְכֶע קְלֵיידֶער.

רִינְגֶען מֶענְטְשְׁן רִינְגֶען אַרוּם אוּן דִי גַאסְן אוּן רֶעדְן וֶועגְן דִי נַייעֶס, אִינְדֶערְצְוִוישְׁן קוּמֶען צוּ גֵיין דֶער אָרִימַאן אוּן פְרֶעגְט, "וָואס רֶעדְט מֶען דָא?" הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, "וָואס אִיז דֶער טוּמְל? דֶער וָואס הָאט גֶע'גַנְבֶ'ט זָאל צוּרִיקְגֶעבְּן!" הָאט דֶער עוֹלָם גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים... קוּמְט נָאךְ אֵיינֶער צוּ צוּם רִינְג אוּן דֶער אָרִימַאן פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל אוּן דֶער עוֹלָם שְׁרַייט אוֹיף אִים: "דוּ קַבְּצָן אֵיינֶער, דוּ וֶועסְט צָאלְן דַיין קָאפּ פַאר אַזַא פְרַאגֶע! וַוייל מְ'וֶועט זָאגְן אַז דוּ וֵוייסְט פוּן דֶער גְנֵיבָה".

זָאגְט עֶר: "יָא, אִיךְ וֵוייס טַאקֶע פוּן דֶער גְנֵיבָה", אוֹיבּ אַזוֹי, זָאגְן זֵיי אִים: "גֵיי אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְן קֶענִיג".

"אָקֶעי, אִיךְ וֶועלְן אִים דֶערְצֵיילְן" זָאגְט דֶער אָרִימַאן!

הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז"ה

(כּוֹכְבֵי אוֹר - סִפּוּרִים נִפְלָאִים)